# בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ג' פ' פינחס | י' תמוז | תשע"א | פסחים: ע"ד*


# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר יצחק יודא קליין הי"ו פון וויליאמסבורג. בעפאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מאיר נתן גרינפעלד הי"ו פון בארא פארק ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל. נאכ'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געגעבן א שיעור בספר תהלים פאר די בחורים.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:30 ביז 11:00 אזייגער אויפדערנאכט.

❧•☙

## ויזעקו אל ה' בצר!

כלל ישראל בכלל און תושבי ברוקלין ניו יארק בפרט זענען אצינד איינגעהילט אין א טעיפן אנגסט און שרעק איבער דאס פארשוואונדען ווערן פון א 9 יעריג קינד יהודה בן איטא אסתר קלעצקי וועלכע איז שוין פארלוירן געגאנגען און איז נישט געזעהן געווארן זייט נאכט נאכמיטאג, נאכ'ן פארלאזן די באיאנער תלמוד תורה.

טויזענטער אידן, אריינגערעכנט מיטגלידער פון אלע באַרימטע ארגעניזאציע'ס פון ניו יארק, אינאיינעם מיט צווילע בירגער זענען שוין געווען פארמישט און א חלק פונעם ריזיגע זוך-אקציע איבער אלע געגענטער ארום בארא פארק, וואס גייט שוין אהן זייט נעכטן פארנאכטס, אבער דערווייל איז קיין שפיר נישט געפונען געווארן.

היינט מיטאג זענען תלמידי ישיבתיה"ק אין קרית יואל ארויף צום אוהל הק' מקום מנו"כ פון מרנן רבותיה"ק זי"ע ווי מען האט איינגעריסן ביי אבינו שבשמים צו די באלדיגע ישועה.

כלל ישראל ווערט געבעטן ווייטער מעתיר צו זיין בתפילה ובתחנונים אז דאס קינד זאל איניגכן געפונען ווערן בשלום, און ווער עס האט די מעגליכקייט ארויסצוהעלפן זאל ביטע קומען צום קאמענד צענטער אין בארא פארק אויף די 57'טסע גאס און די 15'טע עוו. ווי מען פארטיילט די פאזיציע'ס און די זוך ערטער.

***כל א-ל שומע תפילות ותחנונים אתה***
***– הן א-ל כביר לא ימאס-***

❧•☙


דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.